# סעודה'ניו

זאג'זשע רעבעניו וואס וועט זיין ווען משיח וועט קומען?
**ווען משיח וועט קומען וועלן מיר מאכן א סעודה'ניו !**
וואס וועלן מיר עסן אויף דער סעודה'ניו?
**דעם שור הבר מיטן לויתן, דעם שור הבר מיטן לויתן !**
דעם שור הבר מיטן לויתן וועלן מיר עסן אויף דער סעודה'ניו.
וואס וועלן מיר טרינקען אויף דער סעודה'ניו?
**דעם יין המשומר, דעם יין המשומר !**

**דעם יין המשומר וועלן מיר טרינקען, דעם שור הבר מיטן לויתן וועלן מיר עסן אויף דער סעודה'ניו.**

ווער וועט אונז תורה זאגן אויף דער סעודה'ניו?
**משה רבינו משה רבינו !**

**משה רבינו וועט אונז תורה זאגן, דעם יין המשומר וועלן מיר טרינקען, דעם שור הבר מיטן לויתן וועלן מיר עסן אויף דער סעודה'ניו.**

ווער וועט אונז בענטשן אויף דער סעודה'ניו?
**אהרן הכהן, אהרן הכהן !**

**אהרן הכהן וועט אונז בענטשן, משה רבינו וועט אונז תורה זאגן, דעם יין המשומר וועלן מיר טרינקען, דעם שור הבר מיטן לויתן וועלן מיר עסן אויף דער סעודה'ניו.**

ווער וועט אונז נביאות זאגן אויף דער סעודה'ניו?
**מרים הנביאה, מרים הנביאה !**

**מרים הנביאה וועט נביאות זאגן, אהרן הכהן וועט אונז בענטשן, משה רבינו וועט אונז תורה זאגן, דעם יין המשומר וועלן מיר טרינקען, דעם שור הבר מיטן לויתן וועלן מיר עסן אויף דער סעודה'ניו.**

ווער וועט אונז שפילן אויף דער סעודה'ניו?
**דוד המלך, דוד המלך !**

**דוד המלך וועט אונז שפילן, מרים הנביאה וועט נביאות זאגן, אהרן הכהן וועט אונז בענטשן, משה רבינו וועט אונז תורה זאגן, דעם יין המשומר וועלן מיר טרינקען, דעם שור הבר מיטן לויתן וועלן מיר עסן אויף דער סעודה'ניו.**

ווער וועט אונז חכמה זאגן אויף דער סעודה'ניו?
**שלמה המלך, שלמה המלך !**

**שלמה המלך וועט אונז חכמה זאגן, דוד המלך וועט אונז שפילן, מרים הנביאה וועט נביאות זאגן, אהרן הכהן וועט אונז בענטשן, משה רבינו וועט אונז תורה זאגן, דעם יין המשומר וועלן מיר טרינקען, דעם שור הבר מיטן לויתן וועלן מיר עסן אויף דער סעודה'ניו.**

תקוני שבת - זמירות בית יעקב : לוריא, יצחק בן שלמה (האר"י) (7) { } עמוד מס 475 הודפס ע"י תכנת אוצר החכמה